# פרשת מטות - מסעי כ"ה תמוז – ב׳ אב תשע"ה לפ"ק

***יום שני פרשת מטות - מסעי***

בשעות הבוקר נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והתפלל תפלת שחרית בבית מדרשנו זכרון יהודא. אחר התפלה התקיים הברית של בן הר"ר **אפרים כ"ץ** הי"ו (כ"פ). **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן השיחה:***

**עס** שטייט אין הייליגע ספרים, דער ענין אז דער אייבערשטער האט באשאפן דעם מענטש מיט אן ערלה, און דער אייבערשטער האט געהייסען אז מען זאל אים מל'ן. דער באשעפער וואלט דאך געקענט מעיקרא באשאפן דעם מענטש אז ער זאל נישט האבען אן ערלה, וועט מען נישט דארפן נאכדעם מל'ן דאס קינד. נאר דער אייבערשטער האט געוואלט ווייזען, אז א מענטש ווערט נישט באשאפן מיט א שלימות, נאר ער דארף זיך אליין מתקן זיין. האט דער אייבערשטער געגעבן אינעם חיצוניות פונעם מענטש, א חלק וואס ער דארף נישט צו האבען, צו ווייזען אז אזוי ווי מען דארף מתקן זיין דעם ערלת בשר, דארף א יוד אויך מתקן זיין, זיין ערלת הלב.

**מען** זעהט די וואך אין די פרשה, אז דער אייבערשטער האט געהייסען פאר משה רבינו, ער זאל נקמה נעמען פון מדין, און אחר תאסף אל עמך (במדבר לא-ב), נאכדעם וועט ער נסתלק ווערן. און רש"י זאגט אויפן פסוק (שם לב-ה) וימסרו מאלפי ישראל אלף למטה, אז יודען האבען נישט געוואלט גיין. זיי האבען געהערט אז נאכדעם וועט משה רבינו נסתלק ווערן, האבען זיי נישט געוואלט גיין צו די מלחמה. 'וימסרו' מאלפי ישראל, מען האט זיי געדארפט איבערגעבן בעל כרחן. און רש"י זאגט, להודיעך שבחן של רועי ישראל, כמה הם חביבים על ישראל, די תורה וויל פארציילען, ווי ווייט חביב די רועי ישראל זענען אויף יודען. עד שלא שמעו במיתתו, ביז מען האט נישט געהערט אז משה רבינו גייט שטארבען, מה הוא אומר, עוד מעט וסקלוני (שמות יז-ד), משה רבינו האט געזאגט, מען האלט מיר ביים פארשטיינערן, ומששמעו שמיתת משה תלויה בנקמת מדין, אבער ווען זיי האבען געהערט אז משה רבינו גייט יעצט נסתלק ווערן, לא רצו ללכת עד שנמסרו על כרחן, האבען זיי נישט געוואלט גיין. און עס איז א געוואלדיגע פלא צו פארשטיין. משה רבינו האט געזאגט אז ער איז אזוי נישט חשוב ביי יודען, עוד מעט וסקלוני, מען גייט אים הרג'ענען. וואס איז יעצט, ווען מען הערט אז משה רבינו גייט נסתלק ווערן, געטוישט געווארן, אז יעצט ווילן זיי שוין נישט אז משה רבינו זאל אוועקגיין פון די וועלט, און ער איז חביב ביי יודען.

**מען** זעהט אין די פאריגע פרשה, אז פנחס האט מקנא געווען קנאת ה', און די שבטים האבען אים מבזה געווען אז ער איז א בן פוטי, און בא הכתוב וייחסו אחר אהרן, דער אייבערשטער האט געדארפט שרייבען אין פסוק, פנחס בן אלעזר בן אהרן הכהן (במדבר כה-יא). איך האב גערעדט דעם שבת, אז מען האט דאך גזען אז פנחס האט מקנא געווען קנאת ה', און ותעצר המגפה. פיר און צוואנציג טויזנט מענטשען זענען געשטארבען, און מען זעהט אז פנחס גייט, און ער איז מקנא קנאת ה', און עס הערט זיך אויף די מגפה, ווי אזוי גייט מען נאכדעם, און מען איז אים מבזה, און מען זאגט אז ער איז א בן פוטי, שפיטם אבי אמו עגלים לעבודה זרה?, מען האט נישט גזען וואס ער האט אויפגעטון מיט דעם וואס ער האט מקנא געווען קנאת ה'?

**נאר אזוי איז א מענטש. אפילו מען זעהט אז יענער טוט א גוטע זאך, און מען קען זיך נישט דינגען דערויף, אבער מען פארגינט נישט פאר יענעם, עס איז דא קנאה און שנאה. און אייביג וועט מען זוכען עפעס א שוואכע פונקט וואס איז דא ביי יענעם, אז מיט דעם איז ער נישט אזוי. מען וועט נישט קוקען אויף די גוטע זאך וואס ער האט געטון, נאר מען וועט אייביג זוכען עפעס א זאך וואס עס איז דא א ריעותא אינעם מענטש, אז ער איז נישט אזוי גרויס, און ער איז מיט א פראצענט ווייניגער.** עס איז אמת אז פנחס האט מקנא געווען קנאת ה', און ותעצר המגפה, אבער ער איז א בן פוטי. עס איז נישט א קונץ וואס ער האט געטון, ווייל שפיטם אבי אמו

עגלים לעבודה זרה, ער קומט פון א שטוב וואס האבען פארגרעבטע הערצער, און זיי הרג'ענען מענטשען. בא הכתוב ויחסו אחר אהרן, מוז דער פסוק זאגען, ניין. זאלסט וויסען, אז מיט אלעם איז ער א שלם.

**יעדער** האט געוואוסט אז משה רבינו איז זייער גרויס, און יעדער האט געוואוסט אז משה רבינו איז דער נביא ה', וואס פה אל פה אדבר בו, אבער עס איז די נאטור פונעם מענטש. מען וויל נישט אנערקענען די גרויסקייט פון יענעם. און מען טרעפט עפעס זיך אנצוטשעפענען אין משה רבינו, און עוד מעט וסקלוני, עס איז געגאנגען אזוי ווייט ביז סקילה. אבער דאס איז אלץ נאר ווילאנג ער איז נאך דא, אבער ווען עס קומט די צייט אז משה רבינו דארף נסתלק ווערן, און עס קומט ארויס די פנימיות פון יודען, האבען יודען געזאגט, ניין, מיר גייען נישט אין די מלחמה. אמת טאקע מיר האבען אים בארעדט די גאצע צייט אויף וואס ער האט געטון, אבער מיר ווייסען וואס משה רבינו איז. ווען עס קומט צום אמת'דיגען פונקט, אז משה רבינו דארף אינגאנצן נסתלק ווערן, זענען זיי נישט מסכים, נאר וימסרו מאלפי בני ישראל.

**ווי** אזוי קען דאס טאקע זיין, אז משה רבינו האט געהאט אזויפיל מתנגדים, און מען האט זיך געקריגט אויף משה רבינו. און דער אייבערשטער טוט אזוי אין יעדן דור, אויף אלע רועי ישראל איז דא מתנגדים. וויפיל רועי ישראל יודען האבען אלץ געהאט, איז נישט געווען אזא זאך אז א מענטש זאל קענען זיין חביב ביי יעדן איינעם, אלץ איז געווען וואס האבען זיך געדינגען און געקריגט. און עס קען זיין אז דער טעם דערפון איז, ווייל א מענטש וואס איז א רועה ישראל, א מנהיג ביי יודען, קען דאך צוקומען צו גיאות, אז ער איז אזוי גרויס, און יעדער איז אים מכבד. טוט דער אייבערשטער צושטעלן פאר די טובה פון דעם מנהיג, אז אייביג זאלן זיין מענטשען וואס זאלן אים בארעדן, און ארויסברענגען זיינע שוואכקייטן, כדי ער זאל זיך נישט האלטן אזוי גרויס. עס איז די טובה פארן מנהיג, אז ער זאל האבען אזעלכע וואס טוען אים בארעדן. - די טובה דארף ער נאר האבען ווילאנג ער לעבט, אבער ווען ער האלט שוין ביים שטארבען, דארף ער שוין נישט די טובה, אז ער זאל האבען אויף זיך מתנגדים. דעמאלטס נעמט דער אייבערשטער צו דעם התנגדות, און אלע זענען מסכים צו אים. און 'וימסרו' מאלפי ישראל, מען וויל נישט אז משה רבינו זאל נסתלק ווערן.

**און** דאס איז וואס דער אייבערשטער האט אונז געגעבן די מצוה פון מילה, אונז צו לערנען אז **מיר זענען אלע געבוירן געווארן מיט מדות וואס זענען געמיין, און ווילאנג א מענטש ארבעט נישט אויף זיך, און ער טוט נישט אויסרייסען פון זיך די מדות, וואקסט ער דערמיט. עס הייבט זיך אן קליינערהייט ביי קינדער, און ווי עלטער מען ווערט, ווערן די מדות רעות אלץ שטערקער און טיפער, אויב מען טוט עס נישט אויסארבעטן. און דער אייבערשטער האט אונז געלערנט, אז אויף די מדות דארף מען ארבעטן פון אלץ קליין קינד. שוין ביי די אכט טאג, נעם אוועק די ערלה וואס ער האט. מען זאל נישט ווארטען ביז ער ווערט גרויס, און דעמאלטס וועט מען פרובירן אים מתקן צו זיין, נאר פון קליינערהייט דארף מען מחנך זיין א קינד, צו גיין אויפן ריכטיגען וועג.**

*

*<u>יום שלישי פרשת מטות - מסעי</u>*

בשעות אחר הצהרים הגיעו תלמידי כיתה ז' של התלמוד תורה במאנסי (תלמידי הר"ר **יעקב יוסף דירענפעלד** שליט"א) להיבחן אצל **רבינו שליט"א** על מסכת מכות. אחר הבחינה השמיע **רבינו שליט"א** דברי חיזוק להתלמידים.

*<u>וזה תוכן השיחה:</u>*

**מען** האט פלייסיג געלערנט, און מען האט זיך פארהערט, דארפט איר זיין גליקלעך, אז מען האט געקענט לערנען פלייסיג א גאנץ יאר. אשרי מי שבא לכאן ותלמודו בידו (פסחים נ.), וואויל איז דער וואס קומט, און ער האט אין זיינע הענט דאס וואס ער האט געלערנט. אמאל לערנט מען און מען פארגעסט, און ווען עס קומט צו פארהערן קען מען נישט. וואויל איז ווען א מענטש לערנט, און ער חזר'ט וואס מען לערנט, און ער קען וואס מען לערנט. מען דארף שטענדיג חזר'ן, און נישט זיין

צופרידן מיט וואס מען קען יעצט, מען גיט ענק יעצט אסאך צייט פאר חזרה, אז מען זאל קענען איבערחזר'ן וואס מען לערנט. ווען מען האט פרייע צייט, זאל מען איבערגיין נאך א שטיקל גמרא, און נאך א שטיקל גמרא. אמאל דארף מען משלים זיין וואס מען האט פארפעלט, און אמאל דארף מען איבערחזר'ן וואס מען האט געלערנט.

**עס** שטייט די וואך אין די פרשה, לא יחל דברו, ככל היוצא מפיו יעשה (במדבר ל-ג). מען טאר נישט פארשוועכן א נדר וואס מען האט געמאכט, און וואס מען זאגט ארויס מיט די מויל, דארף מען טון. עס שטייט אין מדרש (ספרי מטות ל-ג), לא יחל דברו, גייט ארויף נישט נאר אויף א נדר, נאר א מענטש טאר נישט מאכען חולין זיינע ווערטער. די ווערטער וואס א מענטש זאגט ארויס פונעם מויל, דארף זיין אמת, און נישט ליגענט. און נישט טון אנדערש פון וואס מען האט געזאגט. א יוד דארף זיין אן איש אמת, א אמת'דיגער מענטש. האסט עפעס געזאגט, האלט דיך צו דעם וואס דו האסט געזאגט.

**און** מען טאר נישט נוצען דעם מויל פאר דברים בטלים. ודברת בם (דברים ו-ז) ולא בדברים אחרים (יומא יט:), מען דארף נאר רעדן אין דברי תורה, און נישט עפעס אנדערש. לא יחל דברו, מען זאל נישט מאכען חולין זיינע ווערטער מיט דברים בטלים, לשון הרע, מוציא שם רע, אונאת דברים, טשעפענען א חבר. **ווען מען זאגט א ווארט וואס טוט וויי פאר א חבר, איז מען עובר אויף א לאו אין די תורה, לא תונו** (ויקרא כה-יז). **ווי אזוי ווייסט מען צו עס טוט וויי פאר יענעם, צו נישט? ווען דער חבר וואלט עס דיר געזאגט, וואלסטו עס געוואלט הערן, דאס איז די שליסל אז א מענטש זאל קענען אפמעסטן וואס ער מעג זאגען פאר יענעם. אויב דו ווילסט נישטו הערן אויף דיר די זעלבע, זאג עס נישט פאר יענעם.**

**'לא** יחל דברו', ווען א מענטש היט זיך זיינע ווערטער, 'ככל היוצא מפיו יעשה', וועט דער אייבערשטער טון, וואס ער וועט ארויסזאגען פון זיין מויל. ווען א מענטש איז מתפלל, און ער בעהט פונעם אייבערשטען, איז דא אמאל וואס עס ווערט נישט נתקבל די תפלה. פארוואס, ווייל די מויל מיט וואס ער האט געבעטען, איז נישט א הייליגע מויל, עס איז נישט אן ערליכע מויל. אבער לא יחל דברו, ווען א מענטש טוט נישט פארשוועכן זיינע ווערטער, די ווערטער וואס ער זאגט מיט זיין מויל זענען ערליך, האט ער א הייליגע מויל. און ווען א הייליגע מויל קומט צום אייבערשטען און בעהט א בקשה, איז עס דער אייבערשטער מקבל. לא יחל דברו, מען דארף אכטונג געבן נישט צו מאכען חולין זיינע ווערטער, און דעמאלטס איז דא א ברכה ככל היוצא מפיו יעשה, אז דער אייבערשטער וועט טון, וואס ער וועט ארויסזאגען מיט זיין מויל (עיין **עבודת ישראל** פ' מטות).

**בחורים** זענען דאך מתפלל, און זיי בעטן. יעצט איז די צייט וואס מען דארף מתפלל זיין, יעצט איז די צייט וואס א בחור איז אין א פרשת דרכים, אדער גייט ער יעצט ארויף, אדער גייט ער אראפ. און מען דארף אסאך מתפלל זיין, און בעטן פונעם אייבערשטען, אז מען זאל מצליח זיין אין תורה. און אז מען פירט זיך ערליך, האט מען הצלחה. זאל דער אייבערשטער געבן, אז איר זאלט אויסוואקסען תלמידי חכמים, און ערליכע יודען.

*

***יום חמישי פרשת מטות - מסעי***

לפני מעריב מסר **רבינו שליט"א** שיעורו השבועי באור החיים הק'.

*

***שבת קודש פרשת מטות - מסעי***

כשעה וחצי אחר זמן מוצאי שבת הגיע **רבינו שליט"א** לבנין החדש והמפואר שנבנה בשטח החדש ליד הקעמפ, וקבע מזוזה בשער הראשי של הבנין. אחר כך נטל ידיו לסעודת מלוה מלכה שהתקיים בהיכל הבית המדרש החדש. **רבינו שליט"א** כיבד את הר"ר **שלמה יוסף ראאב** הי"ו לשור הפיוט אליהו הנביא, אחר כך סיפר סיפורי צדיקים מאת **הרה"ק מצאנז זי"ע** (מתוך הספר מפיהם ומפי כתבם). בברכת המזון נתכבד **הרה"ג רבי בנימין ברייער שליט"א** דומ"ץ דבית מדרשנו זכרון יהודא.

***וזה תוכן הסיפורים (מה שרבינו שליט"א הוסיף עליהם):***

שמעתי בשם **הרה"ק מצאנז זי"ע**, שזכות אבות הוא רק אם ראוין אל האבות במעשים, אבל אם הרע ח"ו

במעשיו אז אין לו קשר עם האבות, לבד עם האבות הק' אברהם יצחק ויעקב, שהקשר עמהם לא נפסק לעולם, וממילא מגין זכותם על כל ישראל.

**והוסיף** רבינו: מן הסתם איז דאס דער פשט וואס עס שטייט אין די גמרא (ברכות טז:), אין קורין אבות אלא לשלשה. 'אבות' רופט מען נאר די דריי, אברהם יצחק און יעקב. ראובן שמעון און לוי זענען דאך אויך געווען אונזערע אבות, פארוואס רופט מען נאר אבות פאר די דריי. נאר די אבות פון יעקב און ווייטער קען זיין אז מיר האבען נישט קיין שייכות מיט זיי, ווייל מיר פירן זיך נישט אויף אזוי ווי זיי, האבען מיר נישט קיין שייכות אז זייערע זכותים זאלן מגין זיין פאר אונז, אבער דער זכות פון די אבות, אברהם יצחק און יעקב, איז שטענדיג מגין אויף יודען.

**מען** געפונט אז ווען בלעם האט געוואלט זוכען עפעס אויף יודען, האט ער געזאגט, כי מראש צורים אראנו (במדבר כג-ט), איך קוק אויף די אבות פון אנהייב, ומגבעות אשורנו, און אויף די ערשטע אמהות, און זייער זכות איז שטענדיג דא פאר יודישע קינדער.

*

**הגה"צ רבי שמואל ראזענבערג אב"ד ור"מ אונסדארף זצ"ל** היה רגיל לספר, כי בימי חורפו קיבץ פרוטה לפרוטה כדי לנסוע **להרה"ק מצאנז**, ובליל שבת קודש בעריכת השלחן של **הרה"ק מצאנז** ישב בסוף השלחן, והרהר בדעתו אם הציבור יוצאים ידי חובת קידוש של **הרה"ק מצאנז** (כי היה אז לעת זקנתו, וקולו לא היה כל כך טוב, וגם היו דוחפים זה את זה), **ואם הרה"ק מצאנז** מכוין להוציא את הציבור. **באותו עת רמז הרה"ק מצאנז באצבעו על הרב מאונסדארף** שיבוא סמוך יותר, ואמר לו, 'יעד בין מוציא דעם גאנצן עולם, און אז איר ווילט וועל איך אייך געבן קידוש צו מאכן'. ומזג לו את הכוס שיקדש.

**והוסיף רבינו:** די וואך (ז' אב) איז די יארצייט פונעם **ערוגת הבשם זי"ע.** דער **ערוגת הבשם** איז אמאל געווען ביים **שינאווער רב**, און דער **שינאווער רב** האט געמאכט קידוש, און נאכדעם האט ער געפרעגט דעם **ערוגת הבשם**, צו ער וויל מאכען קידוש עקסטער. האט דער **ערוגת הבשם** געזאגט, ניין, ווייל ער האט שוין יוצא געווען מיטן קידוש פונעם רבי'ן. און ער האט צוגעגעבן, 'אז איך האב איין מאל אין מיין לעבן א געלעגענהייט, אז איך זאל קענען זאגען אן ערליכע קידוש, פארוואס זאל איך זאגען א פשוטע קידוש'. [ווען מען איז יוצא מיטן רבי'ן, איז טייטש אז די קידוש וואס דער רבי האט געזאגט, איז זיין קידוש. קומט אויס, אז עס איז א גרעסערע חשיבות אז ער האט יוצא געווען מיטן רבי'נס קידוש, ווי ער זאל זאגען אן אייגענעם קידוש].

*

**הרה"ק מצאנז** דיבר פעם קשות על צדיק אחד בדורו, ואמר עליו, עס איז אן עלמא דשיקרא. וחותן של **הרה"ק מצאנז, רבי הערש'לע אונגאר מטארנא**, שאל, דער רבי האט דאך געזאגט אויף אים, אז ער איז א קדוש עליון. ענה לו **הרה"ק מצאנז**, ער איז טאקע א קדוש עליון, און עס איז פארט אן עלמא דשיקרא.

וכעין זה אמר **הרה"ק בעל עטרת צבי מזידיטשוב זי"ע**, שיכולים להיות 'יראי אלקים' ולא מאנשי אמת, כי חזינן שהוצרך משה רבינו לפרוט בפרטן יראי אלקים, אנשי אמת (שמות יח-כא), הרי שאין זה תלוי הא בהא, רק שהמה דברים נפרדים, ויכולים להיות מאנשי אמת ועם כל זה לאהוב כסף. ואכן לא מצא משה רבינו אנשי אמת, רק יראי אלקים (רש"י דברים א-טו).

**דער** ספר **עשר צחצחות** (ג-יט), ברענגט צו פון א ספר **ברכת אברהם**, אז דער **אהבת שלום פון קאסוב** האט געזאגט, אז אן איש אמת איז נישט בנמצא היינט אויף די וועלט. עס איז נאר דא אז איינער איז ווייטער פונעם שקר, און איינער איז נאנטער צום שקר. ווי ווייטער מען איז פונעם שקר, איז מען אלץ נענטער צום אמת. אבער אז עס זאל זיין אמת אינגאנצן, אין אן עלמא דשיקרא איז נישט דא קיין אמת. - ווען דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט, האט אמת געזאגט אל יברא, מען זאל נישט באשאפן די וועלט, שכולו שקר, און השליך אמת ארצה, דער אייבערשטער האט אוועקגעווארפען דעם אמת (ב"ר ח-ה). איז טייטש אז די מדה פון אמת איז גאר א הויכע מדרגה, וואס אפילו מען קען זיין א קדוש עליון, אבער צו די מדה פון אמת איז מען נאכנישט צוגעקומען.

**מען** ברענגט צו פונעם הייליגען **רבי ר' אלימלך זי"ע**, אז ער האט אמאל געזאגט, 'אלע צדיקים מיינען דעם אייבערשטען, אבער בלתי לה' לבדו, מיינט נאר אלימלך אליין'. מען קען מיינען דעם אייבערשטען, אבער דאס איז נאכנישט טייטש אז די עבודה איז אן אמת'דיגע עבודה, אז עס איז נאר דער אייבערשטער אליין. און אויף זיך האט ער געזאגט, אז בלתי לה' לבדו איז אלימלך.

*

**הרה"ק מצאנז** נהג לומר פשעטל בחג השבועות, אחר קידוש בעת שאוכלים קרעפליך. פעם אמר **הרה"ק מצאנז**, שבשמים חזרו את הפשעטיל שלו. וסיפר שר' יוסף ראפפער ע"ה (בעה"ב עושר ובעל אכסניא של הרה"ק מצאנז) היה אצלו מעלמא דקשוט, ואמר לו שחזרו בשמים את הפשעטיל, וחזר לפני **הרה"ק מצאנז** את הפשעטיל ששמע בשמי מעל. ואמר **הרה"ק מצאנז** הגם שלא היה בר הכי (שיוכל לחזור את הפשעטיל), אמנם נראה שאם מסתובבים אצל תלמידי חכמים מלמדים שם בשמים איך ללמוד תורה.

**והוסיף רבינו:** עס שטייט אין מדרש אויפן פסוק בצל החכמה בצל הכסף (קהלת ז-יב), אז די מחזיקי תורה וואס זענען די בצל הכסף, וועלן זוכה זיין צו זיין אויבן אין הימל בצל החכמה, צוזאמען מיט די תלמידי חכמים. וואס האט ער אויפגעטון אז ער געפונט זיך צווישן די תלמידי חכמים, דער תלמיד חכם זיצט דאך און לערנט אויבן אין הימל, און דער עושר וואס קען נישט לערנען, וואס וועט ער אויפטון, אז ער געפונט זיך נעבן דעם תלמיד חכם. נאר אזוי ווי ער האט מחזיק געווען תורה אויף די וועלט, האט ער דאך א חלק אין די תורה, וועט ער וועט ארויף קומען אויף יענע וועלט, וועט זיך דער תלמיד חכם צוטיילען מיט זיין תורה, מיט דעם וואס האט אים מחזיק געווען. און נישט נאר אז ער האט דעם זכות פון די תורה, נאר אויף יענע וועלט לערנט מען אויס דעם עושר, אז ער זאל פארשטיין דאס לערנען, וואס ער האט מחזיק געווען. קומט אויס, אז דער יוד, ר' יוסף, וואס איז געווען אן עושר, און ער האט מהנה געווען דעם **צאנזער רב**, האט אין הימל געקענט לערנען, און ער האט געקענט נאכזאגען דעם פשעטיל וואס מען האט נאכגעזאגט אין הימל פונעם **צאנזער רב** (עיין **בנחל קדומים להחיד"א** פ' בהעלותך).

*

**הרה"ק בעל צמח צדיק מוויזניץ זי"ע** היה בידידות גדולה עם **הרה"ק מצאנז**. פעם היה **הרה"ק מצאנז** בקארלסבאד, וגם **הצמח צדיק** היה בגלילות אלו, ועלה בדעת **הצמח צדיק** שיסע לבקר את **הרה"ק מצאנז**, והיה אז ראש חודש, ואמר לו **הרה"ק מצאנז** שישאר לסעודת לראש חודש, ולא הסכים **הצמח צדיק** כי כבר הוצרך לנסוע לביתו. וחזר לאכסנייתו וקרהו אסון, שהיה על הגאניק (פארט"ש) ונשברה הגאניק תחתיו, ונפל לארץ בלי הכרה. ובעת מעשה היה **הרה"ק מצאנז** זייער צוק'אכט, והלך בחדרו אנא ואנא, עד שפעל ואמר 'ונתת נפש תחת נפש', ואז נפטר תחתיו בנו ילד, **והצמח צדיק** ניצול ממות לחיים.

**וביאר רבינו:** אין הייליגע ספרים שטייט, אז אמאל איז דא א גזר דין אויף איינעם, און עס איז שווער אז מען זאל קענען מבטל זיין דעם גזר דין, האט א צדיק א כח צו טוישן דעם גזר דין, אז זאל נישט זיין אויף אים, נאר אויף א צווייטען. האט דער **צאנזער רב** געזאגט, נפש תחת נפש, און ער האט עס אויפגעטוישט אויף א קינד, אנשטאט דעם **צמח צדיק**.

**עס** שטייט פון **רבי מאיר פרעמישלאנער זי"ע**, אז די משנה זאגט (ברכות לד:), אז ווען מען איז געקומען צו רבי חנינא בן דוסא אז ער זאל מתפלל זיין אויף א קראנקען, האט ער מתפלל געווען, און ער פלעגט זאגען, צו מען האט אנגענומען די תפלה צו נישט. זה חי, דער קראנקער וועט בלייבען לעבן, וזה מת, און דער קראנקער וועט שטארבען. און מען האט אים געפרעגט, ווי אזוי ער ווייסט. האט ער געזאגט, אז ער איז נישט א נביא, און נישט א בן נביא, נאר טאמער ער זעהט אז תפלתו שגורה בפיו, אז דאס דאווענען איז אים שגור אין מויל, ווייסט ער אז עס איז מקובל געווארן די תפלה וואס ער האט מתפלל געווען, האט ער געזאגט זה חי. און טאמער ער האט געזען אז די תפלה איז נישט שגור בפיו, פארשטייט ער אז די תפלה איז נישט אנגענומען געווארן, האט ער געזאגט, זה מת.

**פרעגט** די וועלט, מילא זה חי, האט ער געוואלט זאגען, מחיה צו זיין א יוד. מען קומט מזכיר זיין א קראנקן, און ער ווייסט אז דער יוד וועט האבען א רפואה, האט ער געזאגט זה חי, ער וועט לעבן. אבער ווען ער האט געזען אז זיין תפלה איז נישט אנגענומען געווארן, ווייל עס איז נישט געווען שגורה בפיו, פארוואס האט ער געדארפט פארציילען פאר יענעם, זה מת, ער וועט דאך געוואר ווערן אז ער וועט שטארבען. פארוואס דארף ער זאגען א בשורה רעה, אז ער וועט שטארבען.

**נאר** דער פשט איז, אוודאי ווען עס האט פאסירט אזא פאל, האט ער נישט געזאגט אז ער וועט שטארבען. נאר בשעת ער האט געזען אז פאר איינעם איז די תפלה יא אנגענומען געווארן, און ער האט געזען, אז מען קען פועל'ן אז ער זאל בלייבען לעבן, אבער מען מוז דאך עפעס געבן פאר די מקטריגים אויבן, נפש תחת נפש, האט ער עס אויפגעטוישט אז א גוי זאל שטארבען. און ווען מען איז געקומען צו אים, האט ער געזאגט, זה חי, דער יוד וועט בלייבען לעבן, וזה מת, און א צווייטער אנשטאט אים וועט שטארבען. ביי יעדן זה חי, האט ער צוגעגעבן וזה מת, אז ער האט עס איבערגעטוישט אויף א צווייטען (עיין **פרדס יוסף** פ' כי תשא לב-יב).

**איך** האב געהערט פון מיין טאטע ז"ל, אז זיין פאטער דער **סערדאהעלי'ער רב**, איז אלץ יונגערמאן נישט געווען געזונט, און ער איז געווען בין מות לחיים. אזוי ווייט, אז ער איז נישט געווען ביי די הכרה, און ער האט נישט געוואוסט וואס עס גייט פאר, אבער ער האט געקענט הערן [ווען ער איז געזונט געווארן, האט ער געזאגט, אז ער האט געהערט אלעס וואס מען האט גערעדט אינעם שטוב]. און ער האט געהאט א שוועסטער וואס האט אים באדינט, און ער האט געהערט ווי זיין שוועסטער איז מתפלל, און זי זאגט, 'איך זעה אז ער איז אזוי קראנק, און ער איז א תלמיד חכם, און ער קען נאך מרביץ תורה זיין, עס איז א שאד אז ער זאל אוועקגיין פון די וועלט, איך בין גרייט צו גיין אנשטאט אים'. און אזוי איז געווען, דער זיידע איז געזונט געווארן, און זי איז תיכף נאכדעם נסתלק געווארן, און דער זיידע ז"ל פלעגט שטענדיג צו האלטן איר יארצייט, און ווען ער האט געהאט א געלעגענהייט, האט ער געלערנט משניות לעילוי נשמתה.

***יום שלישי פרשת דברים***

בשעות הבוקר נסע **רבינו שליט״א** לוויליאמסבורג והתפלל תפלת שחרית בבית מדרשנו. אחר התפלה התקיים הברית של בן הר״ר **יצחק יחזקאל פריעדמאן** הי״ו (התן הר״ר **דוד אלחנן האפפמאן** הי״ו). **רבינו שליט״א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן השיחה:***

**די** תורה זאגט די וואך, בעשתי עשר חודש באחד לחודש, דבר משה אל בני ישראל, ככל אשר צוה ה׳ אותו אליהם (דברים א-ג), חודש שבט האט משה רבינו געלערנט די תורה מיט יודען, ככל אשר צוה ה׳ אותו אליהם, אזוי ווי דער אייבערשטער האט אים מצווה געווען צו זיי. עס איז אן אריכת הלשון, עס וואלט געדארפט צו שטיין אין פסוק, דבר משה אל בני ישראל, האט משה רבינו געזאגט פאר די יודען, כל אשר צוה ה׳ אליהם, אלעס וואס דער אייבערשטער האט מצווה געווען פאר יודען. פארוואס שטייט, דבר משה אל בני ישראל ׳ככל׳ אשר צוה ה׳ ׳אותו׳, וואס דער אייבערשטער האט אים מצווה געווען, אליהם, צו זיי.

**עס** שטייט אין **ישמח משה** (פ׳ מטות), אז ביי א נביא איז דא צוויי ערליי אופנים פון נביאות. אלע נביאים האבען געזאגט מיטן לשון ׳כה׳ אמר ה׳, מוסיף עליהם משה, משה רבינו האט אויך געזאגט, ׳זה׳ הדבר אשר צוה ה׳. זאגט דער **ישמח משה**, א נביא האט איבערגעגעבן די ווערטער פונעם אייבערשטען, אזוי ווי א שליח גיט איבער די ווערטער פונעם משלח. כה אמר ה׳, אזוי האט דער אייבערשטער געזאגט. ביי משה רבינו איז אבער געווען שכינה מדברת מתוך גרונו, האט ער נישט איבערגעגעבן וואס דער אייבערשטער האט געזאגט, נאר וואס ער האט גערעדט, האט די שכינה גערעדט. ער האט נישט געזאגט ׳כה׳ אמר ה׳, ׳אזוי׳ האט דער אייבערשטער געזאגט, נאר ׳זה׳ הדבר אשר צוה ה׳, ׳דער׳ דיבור זאגט דער אייבערשטער.

**זאגט** דער **ישמח משה**, שכר מצוה בהאי עלמא ליכא (קידושין לט:) דער אייבערשטער גיט נישט קיין שכר מצוה אויף די וועלט. פארוואס, עס איז דאך דא א לאו פון לא תלין (ויקרא יט-יג)? אבער עס שטייט אין שו״ע (חו״מ שלט-ז), אז די לאו פון לא תלין איז נאר ווען מען האט געדינגען יענעם אליין, אבער טאמער מען האט געדינגען יענעם דורך א שליח, איז נישט דא א לאו פון תלין. און אזוי ווי דער אייבערשטער האט אונז נישט געגעבן די תורה אליין, נאר דורך א שליח, דורך משה רבינו, איז ממילא נישט דא א לאו פון לא תלין. אבער ווען משה רבינו זאגט די תורה אויף א וועג פון שכינה מדברת מתוך גרונו, האט דאך דער אייבערשטער אליין גערעדט, קומט שכר מצוה אויך אויף די וועלט.

**ווען** משה רבינו האט איבערגעגעבן די תורה פאר פשוטי העם, האט ער נישט געוואלט אז זיי זאלן בעטן שכר, האט ער זיי נאר געזאגט אזוי ווי א שליח, אין שליחות פונעם אייבערשטען, און עס איז נישט געווען קיין שכינה מדברת מתוך גרונו, און אז עס איז מיט א שליחות, איז נישט דא קיין שכר מצוה. אבער פאר די בני עליה וואס ער האט געוואוסט אז זיי וועלן נישט בעטן קיין שכר אויף זייערע מצות, פאר זיי האט ער געזאגט, מיט די לשון פון ׳זה הדבר׳. זאגט דער **ישמח משה**, ׳כה תאמר׳ לבית יעקב, פאר יעקב דארף זיין כה תאמר, זאג נאר אזוי ווי א שליח, ווייל אויב נישט, וועלן זיי בעטן דערויף שכר. אבער ותגד לבני ישראל, פאר די בני עליה קענסטו זאגען מיטן לשון זה הדבר, ווייל זיי וועלן נישט בעטן קיין שכר.

**קומט** דאך אויס לויטן **ישמח משה**, אז נישט אלע יודען האבען מקבל געווען די תורה די זעלבע. די פשוט׳ע יודען האבען מקבל געווען די תורה דורך א שליח, מיט דעם לשון ׳כה׳ תאמר לבית יעקב, זיי האבען נישט געהערט דעם דיבור פונעם אייבערשטען. אבער די בני עליה, די האבען געהערט די שכינה מדברת מתוך גרונו. פארוואס, ווייל ער האט מורא געהאט, אז די פשוטע יודען וועלן בעטן שכר. דאס איז געווען אין אנהייב ווען מען האט געגעבן די תורה. אבער ווען משה רבינו איז איבערגעגאנגען די תורה פערציג יאר

שפעטער, רעדט מען דאך שוין צו יודען וואס זיצען און לערנען פערציג יאר, זענען אלע פשוטי העם צוגעקומען צו אזא מדריגה, אז מען קען זיי איבערגעבן די תורה דורך שכינה מדברת מתוך גרונו, און מען דארף נישט מורא האבען אז זיי וועלן בעטן שכר, ווייל זיי פארשטייען שוין אויך, אז תורה און מצות איז חשוב'ער פון שכר. און דאס איז די חשיבות פון משנה תורה, אז משה רבינו האט יעצט איבערגעזאגט די גאנצע תורה פארן גאנצן כלל ישראל, אויף די זעלבע וועג ווי דער אייבערשטער האט אים מצווה געווען. משה רבינו האט מקבל געווען די תורה מפי השכינה, און משה רבינו האט אויך יעצט איבערגעגעבן די תורה פארן גאנצן כלל ישראל, אויף דעם זעלבן וועג, און עס איז געווען שכינה מדברת מתוך גרונו.

**די** תורה וויל נישט סתם פארציילען אז משה רבינו האט נאכאמאל איבערגעזאגט די גאנצע תורה פאר יודען, נאר דבר משה אל בני ישראל, משה רבינו האט יעצט גערעדט די תורה צו אלע יודען, 'ככל' אשר צוה ה' 'אותו', אזוי ווי ווען דער אייבערשטער האט אים מצווה געווען, האט די שכינה גערעדט צו משה רבינו, אויף דעם זעלבן וועג האט משה רבינו יעצט מצווה געווען די יודען, אז עס איז געווען שכינה מדברת מתוך גרונו (עיין **באהבת חיים** פ' דברים).

*

אחר הברית חזר **רבינו שליט"א** לקעמפ, ובאמצע הדרך נסע **רבינו שליט"א** לקרית יואל לניחום אבלים אצל משפחת מרת פאכמאן ע"ה (אשת הר"ר **בערל פאכמאן** הי"ו, ק"י).

כמו כן הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **אברהם ראזענבערג** ע"ה (ק"י).

*

***יום רביעי פרשת דברים***

בשעות הצהרים התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הר"ר **יעקב שאלאמאן** הי"ו (לעיקוואד). **רבינו שליט"א** לבש הקאפל והציצית, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

בשעות אחר הצהרים הגיעו לבית **רבינו שליט"א** כשלשים תלמידות ממחנה עדת בנות וויען, שקבלו על עצמם קבלות טובות להתחזק בדרכי הצניעות. **רבינו שליט"א** נשא לפניהם דברי חיזוק.

***וזה תוכן השיחה:***

**מען** האט מיר איבערגעגעבן אז איר האט געטון א שיינע זאך זיך צו פארבעסערן, און מען האט פארגענומען א דבר טוב אין צניעות. יעדע גוטע זאך וואס א מענטש נעמט אויף זיך, באצאלט מען פון הימל אסאך מער. דער באשעפער באצאלט מדה כנגד מדה, אז א יוד טוט עפעס פארן אייבערשטען, גיט עס אים דער אייבערשטער צוריק. און אז עס קומט אן גרינג צו טון, גיט עס דער אייבערשטער צוריק נאר אויף א גרינגע וועג. אבער טאמער עס קומט אן שווער צו טון, באצאלט דער אייבערשטער אסאך א גרעסערע טובה פון וויפיל מיר טוען פארן רבונו של עולם. עס איז א שיינע זאך וואס מען האט געטון, זאל דער אייבערשטער געבן ווייטער אויך ברכה און הצלחה אין וואס מען טוט.

**יעדע** גוטע זאך וואס מען נעמט זיך פאר, איז שיין אז מען טוט עס. אבער ביי א יודישע טאכטער איז צניעות די העכסטע זאך וואס איז שייך. עס איז נישט דא נאך א זאך וואס יודישע טעכטער זענען מחוייב מער ווי די מענער, נאר די איינע זאך פון צניעות. מען זוכט זיך אייביג מצוות פון די פרעמד, און מען פארגעסט פון די מצוות וואס איז געגעבן געווארן ספעציעל פאר ענק. און אין די מצוה וואס דער אייבערשטער האט ענק געגעבן, וואס א מענטש טוט מער צוצוגעבן דערצו, באצאלט מען אים פון הימל אסאך מער.

**עס** שטייט אין די גמרא (יומא מז.), אז עס איז געווען א יודענע וואס האט געהייסען קמחית, און זי האט געהאט א זכות, אז זי האט געהאט זיבן קינדער, און אלע זענען געווען כהנים גדולים. און מען האט איר געפרעגט, אין וואס פאר א זכות זי האט זוכה געווען דערצו. האט זי געזאגט, ווייל זי האט גענומען אויף זיך אן ענין פון צניעות, האט זי זוכה געווען אז אלע אירע קינדער זענען געווען

כהנים גדולים. זעהט מען, ווי גרויס עס איז דער שכר וואס דער אייבערשטער באצאלט דערפאר.

**איר** זענט נאך יונג, קען זיין אז איר פארשטייט נאך נישט אלעס, אזוי ווי מען דארף צו פארשטיין, אבער מען דארף צוהערן וואס די מחנכת זאגט, זיי פארשטייען אסאך טיפער פון ענק. אסאך מאל וויל מען זיין גוט, און מען מיינט אז מען איז גוט, אבער טאמער מען הערט אז עס איז נישט גוט, דארף מען וויסען אז מען דארף פאלגען, און מען דארף מקבל זיין די ריכטיגע וועג ווי אזוי מען לערנט אונז.

**איר** זענט נאך יונג, איר ווייסט נאך נישט וואס א מענטש דארף נאך אדורכגיין אין לעבן. קודם דארף מען מצליח זיין אין סקול. און ווען מען גייט ארויס פון סקול, דארף מען טרעפן א פלאץ ווי מען קען טרעפן ארבעט, און מען דארף האבען הצלחה דערצו, סיי אין עבודת הקודש און סיי אין עפעס אנדערש. מען דארף טרעפן א גוטן שידוך, פון א גוטע שטוב, און א תורה'דיגע שטוב. א גוטע מאן, און א גוטע פרנסה. און אויפציען ערליכע יודישע קינדער. און מען דארף זייער אסאך בעטן, און מען דארף האבען אסאך זכותים אדורכצוגיין די לאנגע וועג, וואס מען דארף אדורכגיין. און וואס מען נעמט אויף זיך א דבר טוב, זיך צו פירען מיט א גוטע זאך, טוט מען פאר זיך אויסטרעטן א וועג, אז דער אייבערשטער זאל שפעטער געבן, אז עס זאל אלעס גרינג אנקומען. דער אייבערשטער זאל געבן אז איר זאלט שטייגען און אויסוואקסען ערליכע יודישע מאמעס, און ענקערע עלטערן זאלן זעהן ביי ענק אסאך יודיש נחת, און מיר זאלן אלע זוכה זיין צו האבען א כתיבה וחתימה טובה, און א פרייליכע לוסטיגע יאר, מיט אסאך ברכה און הצלחה.

*

בשעות הערב התקיים בבית **רבינו שליט"א** הווארט של בן הר"ר **חיים אריה רובין** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **אברהם שטערן** הי"ו (ב"פ).

*

***<u>יום חמישי פרשת דברים</u>***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפילין לבן הר"ר **יוסף באדאנסקי** הי"ו. אחר התפלה השמיע **רבינו שליט"א** דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.